שמחה עלבערג

# אין הייליגע מינוטעז..

שטימונג (ביינאַכט נאָך צוועלף)

אַ העלע לבנה בעשטראַהלט מיין געזיכט
ווערט מיר אַזוי נאָהנט,
אַז נישטאָ קיין מחיצה צווישען מיר אין איהר.
עפּעס רעדט זי צו מיר
וואָס נאָר מיינע אויערען הערען איהר שטים
אין נור מיין האַרץ פערשטייט איהרע רייד:
אָפען געווען איז דער וועג צום הימעל
אין דו דורך דיינע חטאים האָסט איהם פערשטעלט, פערציכט...
איך קוק מיר איין אין דער לבנה
ווי צויבער איהר געשטאַלט, אָהן אַ פינטעלע פון פגם
זי קוקט אויף מיין טרויעריג פנים מיט רחמנות געפיהל
אין טהוט מיך טרייסטען:
זיי נישט פערצווייפעלט, זיי נישט פעריאוש׳ט
נעכטען בין איך געווען פערנעבעלט, פערדעקט מיט
שוואַרצע וואָלקענס
חשכות-פינסטערניש פערלאָשען מיין ליכט –
אין היינט ווייס, לויטער, ווי אַ ליכט-טורם...
אויב נעכטען ביזט געווען משוקע אין תהום
קאָנסטו היינט דיך הייליגען ווערען ווי אַ מלאך ריין...

אַזוי בין איך געזעסען פערטראַכט,
ביז דער זייגער האָט דעם לעצטען קלינג פון צוועלף געגעבען
אין מצות מיך דערמאָהנט
ווען די הימלען ווערען געעפענט די תפלות אָנצונעמען
דאַמאָלס, מיין האַרץ ווי אָנגעשטאַרבען, מיין בלוט ווי
פערגליווערט...

ווי אַז מיר אויף דעם טאָג וואָס וועט קומען
ווען מיין נשמה וועט צום משפט ווערען געשטעלט
אַ דינער שטים וועט הילכען איבער מיינע חטאים, זינד
דאָס ביסעל מצות מיינע העלען ווי שטויב צופליהען
הייסע טרעהרען האָבען בענעצט, בעשלאָגען מיין קערפער
אין געפּרואווט מוטל זיין די נשמה
די קאַלטע נשמה זאָל ווערען דערוואַרעמט
די אויגען האָבען מיר פון שלאָף געשטאָכען
אָבער מיין האַרץ איז געווען וואַכזאַם
אין איך האָב אַ תפילה צו ג-ט געבעטען.
רבונו של עולם...
הער אויס מיין געוויין אין פערנעהם מיין תשובה
כ׳וועל בשר׳ן מיין האַרץ, גליהען מיין מוח
כ׳וועל הייליגען מיינע מעשים, מיינע יאָהרען פאַר אַ
מזבח מאַכען
טעג אויף תעניתים, נעכט פערברענגען אין תפלות...
מיין האַרץ וועט אַ פידעל פאַר דיר ווערען
מיין האַרץ אין מח, אָדערען די סטרונעס
דער מח די נאָטען
אין די אייביגע שורה פאַר דיר זינגען...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - -

די לבנה האָט זיך ביסלעכווייז פון מיר דערווייטערט

יחיאל פיינער

# פוטוריזם

(עסיי) (פון אַ-גרעסערער סעריע)

יעדע פאָרם אין דער קונסט מאַכט-מיט צייטען, פון אויפבליה אין אָבוועלקונג, גלאַנץ אין אָבגלאַנץ, חבלי-לידה אין גסיסה, פונקט ווי יעדע קולטור לעבט-איבער צייטען פון יוגענד אין עלטער, אויפגאַנג אין אונטערגאַנג, פריהלינג אין הערבסט.

אין אַ צייט פון מיסטישער אויפטרייסלונג, אידעען-קאַטקליזמען אין געדאַנקען-צעבראָך ווערט געבוירען אַ קולטור. עס טרעפט, די מענשהייט ווערט אַ מקשה-לילד, עס בעפאַלט איהר אַ שרעק, בלוט-פלעקען שניידען דורך די לופט, אַפּאָקאַליפּטישע-ווערק ווערען געשאַפען, אַפּאָסטאָלען שטייען-אויף אין בעגלייטען דעם געבורט מיט וויזיאָנערישע שלאַכט-פעלד-חזיונות, די לופט ווערט שטאַר מיט ריחות פון שוועבעל און זאַלץ.

אין עס קומען דיכטער מיט צופלאַמטע הערצער, מיט אָנגעצונדענע מנורות אין זייערע בעגייסטערטע אויגען) אין זיי זינגען) אין עקזאַלטירטע דביקות דאָס ליעד פון אויפגעפלאַצטע פריצייטיגקייט...

עס איז דער ווילדער שגעון פון בראַנזענעם וואָרס-געזעצ, דער גליענדיגער אויפפראַל פון צעבוואַליעטע דיכטער-הערצער, וואָס פלאַקערען ווי אַ ווינטיגע שרפה אינ׳ם שטורעם פון אַ נייע אידעע, עס איז דער שטראָמיגער פאַליע-צופלאָס אויפ׳ן שליאַך פון אַ ניי-געבוירענע קולטור.

אינם דאָזיגען געזעג פון דיכטערישע בעגייסטערונג, וויקעלט זיך פונאַנדער די פאָהן, עס שפרייט זיך אויס דער ברוק אין עס פלאַטערט-אויף די סטיכיע פון פאָרם.

אויפ׳ן בעגייסטערטען וועג פון מאַרשירענדיגען דיכטער טריכט-אויף דער צייגער פון קאָמפּאָס.

אויפ׳ן ווינטיגען שליאַך פון דער פלויסענדיגער מחנה, נעמט אָן די פאָהן אַ קאָליר.

אין עס פלאַמט דער ברוק, אין עס פלאַטערט די פאָהן, אין ווען עס זעצט די פאַרע פון ציקאָכטער-בלוט, רינט-אויס די לבנה ווי אַ קראַנק אויג...

ווי אַ מעסענע פיגור אין שמעלץ פון אַ שרפה...

אין עס ציהט די פראָצעסיע אונטער פערלאָשענע הימלען מיט אָנגעצינדענע פאַקלען אין זיי טאַנצען דעם טאַנץ פון מאַריאָנעטען. –

איז עס וואַקכאַנאַליע!..
איז עס פוטוריזם!..
שלום-זכר פון אַ געבוירענע קולטור!..

---

נישט געקענט זעהען מיין צער, מיין שרעק.
געזעהען האָב איך אויף איהר ליכט נור עטליכע בליציגע ווערטער:

„אויב געבעט מיט טרעהרען קאָן עפענען טויערען"
„קאָן תפלה מיט שמחה ברעכען מויערען"

---